STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13612

SHVEBELEKH

Shneur Vaserman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שנייער וואַסערמאַן

שוועלבעלעך

(קינדער־לידער און פּאָעמעס)

אילוסטרירט פון
יאַנקעוו מיטלער

אַרויסגעגעבן פון מעכאבער
בא דער מיטהילף פון קולטור־הויז
„מענדעלע"

בוענאָס איירעס
1 9 3 8

GOLONDRINAS

(Poesías para niños)

געווידמעט מיינע קינדער:

הערשעלע און דאָבעלע.

קליידט זיך אָן דער הימל בלוי.
וואשן פעלדער זיך אין טוי.
וועקט פון דרימל זיך די ערד.
וועקט זיך אויף די וועלט און הערט:
שא, א טאָג געבוירן ווערט.

א נייער טאָג וועט קומען באלד.
זינגען פייגעלעך אין וואלד,
זינגען ווינטעלעך אין פעלד,
זינגט מיין טעכטערל און קוועלט:
„גוטמאָרגן, שיינע וועלט!"

רויטלען זיך דעכער אין זונען־פאַרגאַנג,
גלאַנצן די שויבן אין רויטלעכער שיין,
זינגען די פייגל דאָס לעצטע געזאַנג —
א טאָג דרימלט איין.

א טאָג שליסט די אויגן, די ליכטיקע צו,
קומען פון ערגעץ אָן שאָטנס פאַרטראַכט
און ברענגען צו פירן — כ'ווייס ניט פון וווּ —
א שטילע און בלוילעכע נאַכט.

טאנצט א רעגן

איבער גאסן ווייט און ברייט,
בלאָזן ווינטן אַף טרומייט:
פו-פו-פו! פו-פו-פו!

פויקט א דונער פריי און מונטער
און א רעגן פליעסקעט אונטער:
פלו-פלו-פלו! פלו-פלו-פלו!

שפּאלט א בליץ דעם הימל אויבן,
אין די פענצטער קלינגען שויבן:
קליפ און קלאָפ! קליפ און קלאָפ!

און דער רעגן — פּיטש־נאס,
טאנצט מיט הוילע פיס אין גאס:
היפ-היפ-האָפ! היפ-היפ-האָפ!



לייטערט זיך דער הימל אויס,
רעגנט שוין ניט מער.
אױף א בלעטל פון א בוים
פינקלט נאָך א טרער...

פאלט נאָך ווי א טראָפּעלע,
רעגן פון דער הויך.
פויקט א דונער, ווי ניט ווי
מיטן לעצטן קויך.

צינדט זיך אָן א לעצטער בליץ
און פארלעשט זיך גלייך.
שמאָלע וואסער־ריטשקעלעך,
ציען זיך צום טייך.

קומען פייגל אפן דאך,
זינגען פריילעך לידער.
טוט די זון א שמייכעלע
און צעשיינט זיך ווידער...

בליִען בלומען אין מיין גאָרטן,
שיינע בלומען, אַך, ווי שיין!
קום איך אין מיין בלומענגאָרטן
אַלע אינדערפרי צוגיין.

צווישן העלע בלומענבייטן
גיי איך מיר אַרום.
שמייכלען בלומען מיר אנטקעגן,
גריסט מיך יעדע בלום.

און פון אירע בלויע הויכן,
קושט מיך הייס די זון.
האָב איך ניט קיין בלומענגאָרטן,
כאָלעם איך דערפון...

א בעקעמער זון

אזא מאָרגנע איז די זון:
ווען איך שפּיל מיך אַף דער גאַס,
קושט זי מיר די באַקן אויס
און זי שטיפט מיט מיר און שפּאַסט.

נאָר אין שטוב אַריין צו מיר,
קומט זי קיינמאָל ניט אַריין,
כאָטש ס'איז טונקל אין מיין שטוב,
אָן א ביסל זונענשיין.

און פאַרקערט, אין שאָכנס הויז,
כאָטש ס'איז ליכטיק דאָרט סאַי ווי,
קומט זי אַלע טאָג, די זון
און זי שיינט נאָך דאָרטן צו.

שיינט נאָר דאָרטן, וווּ מען דאַרף ניט,
וווּ ס'איז ליכטיק אויך אָן איר.
דאָרטן אָבער, וווּ מען דאַרף זי,
מיידט זי שטענדיק אויס די טיר...

ווינטן



פרילינג – ווינט

כ'בין א פרילינגס־ווינט, בין איך!
איך טראָג גרינע סאַמעט־שיך
און א בלוי זיידן קלייד.
מיינע טריט — טאַנץ און פרייד.
ס'איז מיין אָטעם — בלומען־רייעך.
און מיין קאָל — געזאַנג פון טייך,
דאָס געזשומעריי פון בינען,
דער גערויש פון וואַלד, דעם גרינעם
און פון זאַנגען דאָס מורמלען.
מיינע אויגן — בלויע הימלען.
מיינע ליפּן — קאַרשן פרישע.
האָניק־זיסע מיינע קושן,
ווי די קושן פון א קינד. —
כ'בין א ווינט, א פרילינגס־ווינט.



שטורעם־ווינט

כ'בין א ווינט, א שטורעם־ווינט!
איך קום דרייסט און געשווינדט.
מיין אָטעם איז טרומייטן־שאַל,
מיינע טריט — דונער־קנאַל,
מיינע אויגן — פייער־בליצן.
וואָלקנס שפּאַלט איך און צעפּיצל,
טייכן נעם איך — גיס זיי אויס.
איך טרייב דעם יאם פון ברעג ארויס.
איך ברויז אים אויף ביזן גרונט. —
כ'בין א ווינט, א שטורעם־ווונט!

ווייט, ווייט פֿון שטאָט אַרויס,
וווּ דער טאָג לעשט זיך אויס,
וווּ די זון טוקט זיך אונטער —
דאָרטן וווינט זיך קעניג ווינטער.

איז דער קעניג אַלט און ווייס.
און זיין פּאַלאַץ איז פֿון אייז.
און פֿון אייז דעם קעניגס טראָן,
קלאַפּט דער קעניג צאָן אָן צאָן.

איז דעם קעניג נעבעך שלעכט.
וויל דער קעניג טון א קרעכץ,
איינמאָל כאָטש א קרעכץ טון „אוי״,
טאָר א קעניג ניט אזוי.

קרעכצן מעגן קנעכט אליין...
וואָלט דער קעניג זיך צעוויינט,
וואָלט אים עפּשער גרינגער ווערן,
האָט דער קעניג ניט קיין טרערן.

אלע טרערן איינגעפרוירן.
וויל ער כאָטש א ביסל טרוירן,
ווייסט ער ניט וואָס טרויער הייסט,
ווייל זיין הארץ איז הוילע אייז.

קען דעם קעניגס הארץ ניט קלאפּן.
וויל ער פאַרן קאָפּ זיך כאפּן,
אָבער ווען וואָלט דאָס געשען? —
ווען עס וואָלט א קאָפּ געווען.

איז דער קאָפּ אויך ניטאָ.
טראכט דער קעניג: וואָס איז דאָ?
אָן א קאָפּ אפּן קארק?
ערגערט זיך דער קעניג שטארק.

פאלט דער קעניג אָפּ א שפּיצל:
קיינער זאָל זיך ניט דערוויסן,
אז דעם קעניג פעלט דער קאָפּ,
רוקט ער טיף די קרוין אראָפּ...

אָן א קאָפּ און מיט א קרוין. —
ענדיקט זיך די מייסע שוין.



אויב ס'איז עמעס, וואָס מען זאָגט,
אז די זון איז פייער־פלאם,
ווי זשע קומט עס, וואָס די זון
באָדט זיך פארנאכט אין יאם?

איינמאָל, אין א פארנאכט,
זומערצייט איז דאָס געווען,
איז די זון צום יאם אוועק,
איך האָב זי אליין געזען.

אין א פורפור־רויטן מאנטל
איז די זון געווען געהילט.
פריילעך איז די זון געווען,
מיט די כוואליעס זיך געשפילט.

אויך די שטיפערישע כוואליעס
האָבן מיט דער זון געשטיפט.
און צו ביסלעך — די זון
אינעם יאם אריינגעשיפט.

שפּעטער־צו האָט דער יאם
אָנגעהויבן טונקל ווערן.
כ'האָב געזוכט די זון אין יאם,
נאָר געפונען האָב איך שטערן...

כ'האָב דערנאָך א גאנצע נאכט
מיט קיין אויג ניט צוגעטון:
וואָסער פּנים וועט די וועלט
האָבן איצטער אָן א זון?

ס'וועלן פייגעלעך באגינען,
מער ניט זינגען קיין געזאנג.
ווי וועט אויסזען פארענאכט,
אָן א זונען־אונטערגאנג?

ווי וועט זיך דאָס ראָבע קעצל
ווארעמען אָן דער זון?
כ'האָב דערפאר א גאנצע נאכט,
מיט קיין אויג ניט צוגעטון.

נאָר אף מאָרגן אינדערפרי,
ווען איך בין צום יאם געקומען,
איז די זון, די זעלבע זון,
פונעם יאם ארויסגעשווומען.

ווייס איך דאָרטן, וואָס מען זאָגט,
אז די זון איז פייער־פלאם?
קען דען מעגלעך זיין, אז פייער
זאָל זיך באָדן אינעם יאם?..

אויסגעוועזן שוין די צייט
איז דער זומער דאָ,
גרייט ער זיך אין וועג אַריין,
אין אַ גוטער שאָ.

נעמט דער ליבער זומער שוין
פּאַקן זיין געפּעק:
פּולע, פּולע פּעסער זון,
רעגנס — פּולע זעק...

ס'וועט אים נוצן יעדער זאַך,
אינעם ווייטן וועג. —
טאָמער, ווי אַ טרוקעניש,
בינדט ער אויף די זעק...

טאָמער, ווי א פינצטערניש,
עפנט ער א פּאַס,
וועלן גאַנצע סנאָפּעס זון
שטראַלן אויף דער גאַס...

פאַר זשע דיר געזונטערהייט
און פאַר אַלץ א דאַנק! —
אינעם וויטן, קאַלטן לאַנד,
וואַרט מען אויף דיר לאַנג.



די זון האט פארשלאפן

ס'האָט די זון, די ליבע זון,
א ביסל זיך פארשלאָפן היינט.
ווײ, וואָס דאָרט האָט זיך געטון! —
ס'האָט דער הימל זיך צעוויינט.

ס'האָבן ווינטן זיך צעיאָמערט,
רעגנס האָבן זיך שפריצט.
ס'האָבן דונערס זיך צעדונערט,
ס'האָבן בליצן זיך צעבליצט.

ס'האָבן כוואַליעס זיך צעהוליעט,
זיך צעשפריצט מיט ווייסן שוים.
ס'האָבן פייגל זיך געטוליעט,
אין די נעסטן, אפן בוים.

ס'האָט זיך אלץ א ריר געטון.
א קליינינקייט, וואָס ס'האָט געטראָפן! —
ס'האָט די זון, די ליבע זון,
א ביסעלע זיך היינט פארשלאָפן...

מיין שטיבעלע

טיף דער יאם און טיף דער הימל,
יאם און הימל טיף.
און צווישן יאם און הימל
שווימט מיין קליינע שיף.

שווים, דו שיפעלע, מיין קליינס,
צו דעם ווייטן ברעג.
ווו געשטאנען איז אמאָל
א שטיבעלע באם וועג.

כ'וועל דאָס שטיבעלע דערקענען
מיטן ערשטן בליק:
דאָרטן איז מיין וויגעלע
געהאנגען אף א שטריק.

נאָענט איז א טייכעלע
געפלאָסן אין דער שטיל.

אפן שטילן טייכעלע
האָט געראַוישט א מיל.

און אף יענער זייט פון מיל
האָט א וואַלד געבליט,
ווען איך נאָך אין וואַלד דערקענען
אַלע מיינע טריט.

כ׳וועל דערקענען יעדן בוים,
יעדע פויגל־נעסט. —
כ׳האָב דאָרט יעדעס סטעזשקעלע
באַרוויס אויסגעמעסט.

און די לאָנקע בא דעם וואַלד
דערקען איך אף געוויס:
אף דער גרינער לאָנקע שטייט
א באָטשאַן אף איין פוס...

און אינמיטן לאָנקע איז
א ברונעמל פאַראַן,
פלעגט די מאַמע שעפּן דאָרט,
וואַסער מיט א קאַן.

אויך דער וועג, דער זאַמדיקער,
איז מיר גוט באַקאַנט,
כ׳פלעג מיך אין די זומער־טעג
שפּילן אינעם זאַמד.

אונטער מיינע הוילע פיס
האָט דאָס זאַמד געברית.
האָב איך אויסגעבריט אין זאַמד
מיינע ערשטע טריט...

שווימזשע, שיפעלע, מיין קליינס
צו דעם ווייטן ברעג,
ווו געשטאַנען איז אמאָל
מיין שטיבעלע באַם וועג.

בויער, בויער!
בוי אויף א טויער,
אָן העק און אָן פײלן,
פון ליבע די זײלן,
פון עמעס די שפיצן,
מיט קלוגשאפט באפוצן,
מיט שײנקײט באקראנצן,
דעם טויער אינגאנצן.
און גאָר אויבנאָן —
פון גלויבן די פאָן!

די שלעסער פון וואָס? —
אָן ריגל, אָן שלאָס,
אָפן און פריי!
ס'וועלן פאַרביי,
אָרעם אין אָרעם:
ברוינע פון דאָרעם,
פון צאָפן די העלע,
פון מיזרעך די געלע,
נעגער מיט זיי —
און געשלאָסענער ריי.

א מענטש

(לייוויק געווידמעט)

מאָל איך מיר —
א מענטש אַף פּאַפּיר.
מאָל איך דעם מענטש אַזוי:
דער קאָפּ גרוי, זייער גרוי,
קימאַט ווייס.
אויגן, יונג און הייס.
אויגן, וואָס לייכטן און גליען.
און אָדלער־פליגל, גרייט צום פליען,
מאָל איך אויס.
א מענטש מיט אָדלער־פליגל? —
ס'מאַכט ניט אויס...

און א האַרץ וועט ער באַזיצן,
העל, ווי די אַנדן־שפּיצן
אין זונען־אויפגאַנג.
און צאַרט ווי קינדער־געזאַנג.

און דער מענטש אַליין? —
וועט זיין שיין, זייער שיין!
און גאַנץ, אָן א מום.
פון וואַסער לאַנד? — פון אומעטום.
פון וואַסער פאַרב? — ווי איר ווילט.
גוט און מילד,
ווי א קינד
און דרייסט, ווי א שטורעמווינט.



זונעלע, מיין זונעלע,
זאָג, וואָס ווילסטו זיין? —
איך וויל זיין א שניידערל,
א שניידערל, א פיינס.

ווּ וועסטו נעמען
א נעדעלע צו נייען? —
כ׳וועל א נעדעלע פון גאָלד,
אויסשמידן אליין.

וואָס וועסטו איינפעדעמען
אין נעדעלע אריין? —

די זונען־שטראַלן וועלן
מיינע פעדים זיין.

וואָס וועסטו נייען מיט זיי,
זונעלע, דו מיינס? —
— כ'וועל א קליידעלע אויפנייען,
פון לעוואָנע־שיין.

ווער וועט זיך אין קליידעלע,
אין דעם שיינעם, ציר'ן? —
מיין שוועסטערל, מיין קליינינקע,
וועט אין דעם שפּאַציר'ן.

מיין שוועסטערל

איך האָב א שוועסטערל, א קליינס,
מאָל איך עס דאָ אָפּ:
צוויי פּיסעלעך, צוויי הענטעלעך,
א מיילעכל, א קאָפּ.

א מיילעכל — א פּיצעלע,
ליפּעלעך — א פּראכט.
ריידן קען עס ניט קיין וואָרט,
וויינט עס נאָך און לאכט.

אין מיילעכל — צוויי ציינדעלעך,
שפּילקע־קעפּלעך צוויי.
קענען זיי דערווייל נים עסן,
בייסן קענען זיי.

הענטלעך — צוויי קישעלעך,
גלאַטע, ווי פון זייד.
„טאַשע, טאַשע, קיכעלעך!" —
פּליעסקען זיי מיט פרייד.

פיסלעך — צוויי סטעמפּעקלעך
און קען אף זיי נים גיין.
האָט קיינער אזא שוועסטערל,
נאָר איך אליין!

דער מאמעס זאָרגן

שטייט די מאמע אינדערפרי,
מיטן קוישל אין די הענט,
ציילט און ציילט שוין וויפל מאָל
אלץ די זעלבע פופציק סענט.

פופציק סענט פאר פינף מיילער,
עסן יעדעס מויל עס וויל.
קוקט זי אינעם לערן קוישל
און זי כעשבנט אינדערשטיל:

קוילן, זאַלץ, אַ פֿערטל צוקער,
קאַווע, גרויפּן, ברויט אַ פֿונט,
מילך אַ גלעזל פֿאַרן טאַטן,
ס'איז דער טאַטע ניט געזונט.

גוט איז אויך פֿון אָפּ אַ יאַיכל,
דאַרף מען אָפּן־פֿלייש דערצו...
פֿעלט איר נאָך אַ ביסל קליינגעלט,
באָרגן איז ניטאָ שוין ווו...



די באָבע און דער זיידע,
גייען זיך שפּאַצירן ביידע:
דער זיידע — אָנגעלענט אין שטאָק,
די באָבע גייט און שטריקט א זאָק.

שטענדיק גייען זיי אײנײנעם.
אמאָל צו גאַסט, אמאָל — צו קײנעם.
פריש די לופט, אינדרויסן שיין,
וויל זיך גלאַט א ביסל גיין.

א ביסל אויסגלייכן דעם רוקן,
א ביסעלע די שטאָט באַקוקן,
מיט די גאַסן זיך באַקענען,
עפּשער טרעפן זיך מיט וועמען?

א נאָענטן מענטש, א היימיש וואָרט.
אָבער גיי געפֿין זיי דאָרט:
גרויס די שטאָט, א יאַם, א קראַך!
און גאַסן זיינען דאָ א סך.

שיינע גאַסן, מעכטיקע שיין! —
נאָר אלע גאַסן אלציין.
אלע הייזער, ווי איין הויז,
ווייסט מען ניט, ווו איין, ווו אויס.

ווו דער אָנהויב, ווו די מיט,
דאַרף מען זיין אָפּגעהיט:
ניט פאַרבלאָנדזשען, כאָלילע,
ניט פאַרקוקן זיך אפילע.

פאַרלירט מען נאָר דעם גלייכן וועג,
שפּעטער גיי, זוך, פרעג.
וועמען פרעגן און ווי אַזוי?
גיי דערקען דאָ, ייד צי גוי...

דער גוטער יאָר מעג זיי קענען!
פרעגן יידיש — ניטאָ בא וועמען.
און אַף גויש לאָשן ריידן,
קען ניט קיינער פון זיי ביידן...

די באָבע און דער זיידע,
גייען זיך שפּאַצירן ביידע:
דער זיידע — אָנגעלענט אין שטאָק,
די באָבע גייט און שטריקט א זאָק.

פון ווייטן לאנד

באָבע!
כ'האָב דיין בריוו געלייענט.
ס'האָבן אלע אין שטוב געהערט.
די מאַמע האָט דערביי געוויינט,
דער טאַטע האָט געווישט א טרער...

איך אליין פארשטיי ניט אלץ,
וואָס אין בריוו איז אָנגעשריבן,
ס'האָט מיר נאָר געשטיקט אין האלדז.
און — זיי ניט בייז, באָבע ליבע —

כ'ווייס ניט, ווי דאָס איז געשען:
כ'האָב דיין בריוו פאַרענדיקט לייענען,
האָב איך אפן בריוו דערזען,
א קיילעכדיקן פלעק, א קליינעם.

כ'ווייס, אז וויינען איז ניט שיין,
בעסער האָב איך ליב צו זינגען,
ס'איז די טרער פון זיך אליין,
פון מיין אויג ארויסגעשפרונגען.

שרייבסט אין בריוו אזויפיל נייעס,
פון דיין פאָטערלאַנד, דעם וויטן:
מענטשן, ווי די ווילדע כאַיעס,
פאַלן אָן איינם אפן צווייטן.

טירן ברעכט מען פון די קראָמען,
און מען הארגעט גרייז און קינד.
יאָ, ווי רופסטו דאָס — „פאָגראָמען",
מיעס, ווי שרעקלעך מיעס דאָס קלינגט!

זיי געזונט! איך לאָז דיר גרוסן.
כ'אייל זיך איצט אין שולע גיין.
ס'שיקט די זון שוין הייסע קושן,
דורך מיין פענצטערל אריין...

געווען איז מיין פעטער א דאָרפישער איד,
שטענדיק באם אקער פארנומען.
נאָר איינמאָל אין וואָך, אין טאָג פון יאריד
פלעג ער אין שטאָט אריינקומען.

פלעג ער זיך אָנטון די יאָנטעוו־קאפּאָטע,
די פּאָלעס אין גארטל פארשטעקן,
די שטיוול. ערשט פריש אין דזשעגעכץ געשמירט,
טראָגן מיט זיך אף א שטעקן.

און גייען אזוי מיט לאַנגזאַמע טריט —
ס'וועט דער יאַריד ניט אַנטלויפן.
אַמאָל פלעג ער פירן אַ קו פאַרן שטריק,
אַמאָל אַ בוהיי צו פאַרקויפן.

ערשט אינעם וועלדל פון הינטער דער שטאָט,
פלעג ער אַ ווײַלע אָפּרוען,
לאָזן די קו זיך פּאַשען אין גראָז,
אַליין — אַ ליולקע פאַרציִען.

דערנאָך מיט שווערע, באַשטיוולטע טריט
פלעג ער אין שטאָט אַרײַן שפּרייזן.
אַ שטאָט, קיינעהאָרע, מיט אידן אַסאַך,
פּאַסט זיך ניט באָרוויס צו ווייזן.

פאַרקויפט פאַר מעזומען די קו אויפן מאַרק,
פלעג ער דערנאָך אין די קליטן,
קויפן מאַטאַנעס די קינדער אַהיים,
דער מומען — אַ טיכל מיט קווייטן.

געווען איז מײַן פעטער אַ דאָרפישער ייִד,
שטענדיק באַם אַקער פאַרנומען.
נאָר איינמאָל אין וואָך, אין טאָג פון יאַריד
פלעג ער אין שטאָט אַרײַן קומען.



פעטער ווינטער איז געקומען. —
סאַרא ליבער גאסט! —
האָבן מיר אים אויפגענומען,
ווי פאַר אים זיך פאַסט:

מאַטלען האָט אויפגענייט
א מאַנטעלע דער טאַטע.
סאָרעלען, אין אַלטן קלייד —
א שפּאָגל נייע לאַטע...

בערעלען — די זעקעלעך,
אויסגעצערעט שיין.
פערעלען — די לעקעלעך,
אויסגעצוואָגן ריין.

אלע האָבן זיך באַנייט
פאַרן ליבן גאַסט.
אויפגענומען אים מיט פרייד,
טאַקע ווי עס פּאַסט.

און דער ליבער גאַסט, דער ווינטער,
האָט אונדז גלייך דערקענט.
זיינע פּעקעלעך צעבינדט ער,
וואָס ער האָט געבראַנגט.

יעדערן א פּעקעלע,
מאַטאַנעס — אַלערליי:
דעם — א קניפּ אין בעקעלע,
דעם — אין נאָז א דריי.

דעם — א הוסטעלע, א פּרישם —
יעדן לויט עס פּאַסט.
קיינעמען פאַרפעלט ער נישט.
סאַרא ליבער גאַסט!..

הײם-שנײדער

זיצט דער טאַטע און ער נײט,
ביז די העלע זון פאַרגײט.
אַז די העלע זון פאַרגײט —
זיצט ער װידער און ער נײט.

נײט דער טאַטע פונדאָסנײ.
זינגט מאַשין: טו-דרײ-טו-דרײ!
אַט אַזױ, ביז אָװנט שפּעט,
ביז די מאַמע אינעם בעט,

טוט אַ קרעכץ: „שפּאַר זיך צו!" —
ענטפערט טאַטע: „אַ דײגע נו.
נאָך אַ רעגעלע, ניט מײן:
כ'שטעל די אַרבל אַרײן,
כ'נײ דעם קאָלנער אײן,
אױספּרעסן — און ניט מײן".

נייט דער טאַטע אַ גאַנצע וואָך.
ס'העלפּט די מאַמע „טון אַ שטאָך”,
פּירט אַ רעקל אָפּ אין קלייט.
און דערווייל אין צווישנצייט,
שטעלט זי צו מיטיק קאָכן.

אַזוי־אָ פּירט זיך אײַנדערוואָכן.
שאַבעס ענדיקט טאַטע אויס.
העלפן אַלע אים אַרויס:
ווער פּאַסטריגעס שלעפּט פון סטאָן,
ווער עס נייט אַ קנעפּל אָן.

יעדער טוט, וואָס ער קען,
יאָגט די אַרבעט מיט אַ ברען,
מען יאָגט פון זיך די גאַל אַרויס. —
שאַבעס ענדיקט טאַטע אויס.

זונטיק, אינעם טאָג פון רו,
גרייט דער טאַטע אַרבעט צו:
קריידט און מעקט, מעסט און שניידט,
זונטיק, נאָר ביז מיטיקצייט.

שפּעטער, נאָך אַ שאָ, צי צוויי —
פאַרענאַכט איז טאַטע פריי,
שפּאַרט ער זיך אַ ביסל צו. —
זונטיק איז דער טאָג פון רו...

דאס געזינדל

מומע זלאטע
טרינקט א מאטע
און פארבייסט א קיכל.
נאָך א מאטע
גיסט אָן זלאטע
פארן פעטער מיכל.

פעטער מיכל
גייט א שיכל
מיט דער רעכטער האנט.
מיט דער לינקער,
מאטע טרינקט ער,
טרינקען זיי באנאנד.

קומט פון שול
דער קליינער שמועל,
הונגעריק — פארביי.
גיסט אים זלאטע
און א מאטע,
טרינקען אלע דריי.

פון א טעצל
נאשט דאס קעצל
מילך מיטן הינטל.
דאס א לעק,
דאס א שמעק —
סארא ליב געזינדל!

איך „שפּיל" מיט מיין טאַטן אין פערדלעך,
ניט, ווי מען שפּילט אַף געלעכטער;
מיר שפּאַנען זיך איין אין אַ וואָגן,
טאַקע אַ וואָגן, אַן עכטער.

פול איז דער וואָגן באַלאָדן,
מיט גרינס, מיט פרוכט און מיט אויבסט.
אין וואָגן געשפּאַנט זיינען מיר,
ווי פערד: — אַ קליינס און אַ גרויס.

מיר פירן די פרוכטן פאַנאַנדער,
אין צענדליקער הייזער און שטיבער.

טראַמווייען און אויטאָמאָבילן,
יאָגן מיט כויזעק אונדז איבער.

זיי יאָגן אונדז אָן מיט געפּילדער
און איילן אוועק ערגעץ ווייט.
זיי טרובען צו אונדז מיט געבייזער:
„העי, אַראָפּ אַף א זייט!"

מיר קירעווען אָפּ אַף א זייט,
אַף דער לינקער און באַלד אַף דער רעכטער.
איך „שפּיל" מיט מיין טאַטן אין פערדלעך,
ניט, ווי מען שפּילט אַף געלעכטער...

מיטן פענדזל אין דער האנט,
מאָל איך אויס א וווּנדער־לאנד.
וווּנדער, גרעסער איינס פון צווייטן:
ברויטן וואקסן אף די בייטן.

פּוטער־קוכן, פרישע בייגל,
הענגען נאָך אף יעדן צווייגל.
דארף מען זיין נאָר גוט און וואויל,
פאלן זיי אליין אין מויל.

קינדער האָבן נאשן ליב,
פליסט א טייכל בא דער שטוב,

פול מיט האָניק, ביז צום ברעג.
ווילסטו האָניק, נעם און לעק.

פעלדער זייגען שטענדיק גרין
און די לופט איז בלויִלער, דין.
פליען פייגל אין א קרייז,
איינציקווייז און פאַרנווייז.

פליט דאָס שוועלבל מיט דעם ראָב,
שיינט אף זיי די זון אראָפּ.
פליט דער אָדלער מיט דער טויב,
אויס מיט רויבער און מיט רויב.

אויס מיט בייזע און מיט בייז.
רונד ארום און אין א קרייז,
רייטן קינדער אף א לייב...
גלאט אזוי פאַר צייטפאַרטרייב.

גלאט אזוי פאַר הימלעכקייט.
אף די גאסן — קינד און קייט
טאנצן אין א ראָד באנאנד,
אינעם וואונדער־וואונדער־לאנד.

א ציגיינער איז דער טאטע,
א ציגיינערן די מאמע,
און ציגיינערלעך די קינדער —
איינס און איינס ציגיינער סאמע.

שווארצע אויגן האָט דער טאטע,
שווארצע אויגן האָט די מאמע,
און די קינדערלעך, די קליינע,
האָבן אויגן — שווארצע פלאמען.

האָט דער טאַטע אַ גיטאַרע
און די מאַמע איז נאָך יונג;
שפּילט דער טאַטע אויף גיטאַרע,
טאַנצט די מאַמע לײַכט און פֿלינק.

שפּילט דער טאַטע, טאַנצט די מאַמע,
פּליעסקען קינדער מיט די הענט.
שיין איז דער ציגײַנער טאַנץ,
בײַ דעם פֿײַערל אין פֿעלד.

א געבעט צום רעגן

רעגן גוטער, רעגן ליבער! —
אין די קאָלאָניסטן שטיבער
ווארט מען אף דיין קומען לאנג.
ס'איז פון צאער די מאמע קראנק
און דער טאטע גרוי פון זאָרגן.
ס'וויל דער קרעמער מער ניט באָרגן,
ניט קיין ברויט און ניט קיין זאלץ.
און פון שטוב פארזעצט שוין אלץ.

ס'טריקנט אינעם מויל די צונג.
און די ערד, זי לעכצט א טרונק.
ס'וועלקט די זאנג, עס דארט דער בוים,
ס'פאלט פאר דורשט דאָס פערד אין צוים.
עס שטרעקט פאר דורשט די קו זיך אוים.
מען וואַרט אף דיר אין יעדן הויז,
און אלע קאָלאָניסטן שטיבער —
רעגן גוטער, רעגן ליבער!

ועט איר די שטאָלענע פייגל דאָרט, הויך? —
היט אייך פאַר פייער, היט אייך פאַר רויך!
זייער אָטעם איז סאַם, זיי שפּייען מיט בליי. —
שוין ווידער דערהאַרגעט אויפּעלעך דריי!

מען האָט זיי געפונען אין א כורווע פאַרשיט.
דער טאַטע איז אוועק באַשיצן מאַדריד,
די מאַמע געשטעלט זיך נאָך ברויט אין דער ריי —
שוין ווידער דערהאַרגעט אויפּעלעך דריי!

פאַרוואָס? פאַר ווען? — פרעגט בא דער זון,
פרעגט בא דעם טאָג. זיי וויסן דערפון...
דריי פּיצעלעך קינדער געשפּילט זיך צוזאַמען,
געוואַרט אַף א ברויט, געוואַרט אַף דער מאַמען.

געוואַרט, אַז דער טאַטע זאָל קומען פון קריג,
זינגען א לידל ראָבערטאָן, אין וויג,
מיט לאָלא און טשאָלא שפּאַצירן צוזאַמען —
געוואַרט אַפן טאַטן, געוואַרט אַף דער מאַמען.

נאָר טאַטע און מאַמע — אַלץ ניט געקומען.
און איבערן דאַך איז שרעקלעך דאָס זשומען.
טוליען זיך קינדער צונויף אין אַ קנויל,
עס שפּאַרט פון די קינדישע אויגן דער גרויל.

עס שטרעקן נאָך הילף זיך די קינדישע הענט.
עס טוט פאַר די אויגן זיי עפּעס אַ בלענד!
עפּעס צעפּלאַצט און פאַלט אויף דער ערד!
און — מער האָבן זיי ניט געזען, ניט געהערט..



גיכער, גיכער, קאפּיטאן!
לאָז די שיף אין פולן גאנג;
אפן צווייטן ברעג פון יאם
ווארט מען אױף דער שיף שוין לאנג.

ס'ווארטן קינדער הונגעריקע,
באָרוועסע און אָן א קלייד,
אױף א ברעקל טרוקן ברויט,
אױף א טראָפּן טרייסט און פרייד.

ס'ווארטן טאטעס אין דער שלאכט,
פאר א לעבן פריי אָן שאנד,
אױף דער ברודערלעכער הילף,
אױף א ברודערלעכער האנט.

ס'וואַרט דער קראַנקער אין זיין בעט
אף רעפּועס פאַר זיין ווּנד.
העי, איר כוואַליעס, רויִק זייט,
און איר ווינטן שווייגט אצינד!

שווייגט און האַלט דעם אָטעם איין,
לאָזט די שיף אין פולן גאַנג;
אפן צווייטן ברעג פון יאַם
וואַרט מען אף דער שיף שוין לאַנג!

בים־באָם! — גלאָקן קלינגען:
זייט וואך!
ס'קנאַקן רויטע פייער־צונגען
אפן דאך.

ס'לעקן רויטע פייער־צונגען
שוין די ווענט.
בים־באָם! — גלאָקן קלינגען:
ס'ברענט!

איבער אלע, אלע קעפּ
ברענט דער דאך.
אונטן פאלן איין די טרעפּ
מיט געקראך.

און עס ברענען שוין צוזאַמען
אויך די ווענט.
העי, פייערלעשער, ניט פאַרזאַמען,
ס'ברענט!

ס'יאָגט א שטורעמווינט, א בייזער,
א געוויטער.
פלאַמען טראָגט ער איבער הייזער,
פונקען שיט ער.

און ער שפּרייט די פלאַמען אויס
מיט ווילדן ראַש,
פון דאַך צו דאַך, פון הויז צו הויז,
אַף יעדער גאַס.

פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד,
אַף קאָנטינענט.
העי, פייערלעשער, ניט פאַרזאַמט,
ס'ברענט!

זעלנערלעך פון בליי

איינס, צוויי, דריי!
גייען זעלנערלעך פון בליי,
ביקס אַף אַקסל, האַנט און האַנט
און פֿאָרויס דער קאָמענדאַנט.

גייען זעלנערלעך פון בליי,
פיר אין ריי, פיר אין ריי,
אַלע מיטן זעלבן טריט,
אַלע מיטן זעלבן ליד.

פויקט צום טאַקט דער באַראַבאַן:
„פּעסטער שפּאַן, פּעסטער שפּאַן!"

ברוסט אַרויס, קאָפּ אַרויף,
לויף!

לויפן זעלנערלעך פון בליי,
אַף הורייי, אַף הורייי! —
מיט געפּויק און מיט געשאַל.
פאַל!

ליגן זעלנערלעך פון בליי,
ליגן איינגעלייגט אין דריי.
קאָפּ צו פיס, קאָפּ צו פיס,
שיס!

ענטפערט איינער פון דער רײַ:
„שיסן, פע! עס טוט דאָך ווײַ!"
און א צווייטער טוט א מאַך:
„שיסן איז א מיעסע זאַך".

זאָגן אַלע נאָכאַנאַנד:
„ס'איז א ווייטיק און א שאַנד".
שווייגן אַלע ביקסן שטיל
און עס נעמט א סאָף צום שפּיל.

א מויז,
איז פון לאָך אַרויס,
עסן זוכן.
זעט זי א קוכן
אפן טיש.
פריש —
ערשט
פון אויוון אַרויס.
זיס,
ווי צוקער
און דעריקער —
— גרויס.
באַלעקט זיך די מויז:
מײלעס א סאַך.
איין ביסאָרן בלויז —
די קאַץ איז וואַך...

הינטל, פינטל, שנעקל.
ווילסטו פלייש א ברעקל?
ווילסט א מאַרך־ביינדל? —
ווייז־זשע פריער א קיינדל.

קיינדל זיך צו ביסלעך:
שטעל זיך אַף צוויי פיסלעך,
טו א דריי דעם עק,
מיט דער צונג א לעק,
מיטן אויג א פינטל,
ווי א פריציש הינטל...



זיבן גענדזעלעך אין א שורע,
אלע מיט דער זעלבער צורע:
ווייס דאָס ערשטע, ווייס דאָס צווייטע.
האָבן גענדזלעך פליגל ברייטע,
מאכט דאָס ערשטע גענדזל פּאָך,
מאכט עס באלד דאָס צווייטע נאָך.
און אזוי דריי און פיר,
פּאָכן פליגלען אָן א שיר.

זיבן שנאָבלען, אלע געלבע,
אויך דאָס לאָשן איז דאָס זעלבע:
איינע — גאָ, דאָס צווייטע גאָ,
ס'איז א גענדזן שפּראך אזא.

אויסגעפוצט און אויסגעצירט
אין זיין קעניגלעכן טראכט,
האָט דער לייב א שפאציר
אין זיין וואלד געמאכט.

איז דער לייב אף שפאציר
אין זיין וואלד אוועק,
גייען הינטן אייזלען פיר
און טראָגן נאָך זיין עק.

און פאָרויס די ערנוואך,
דעם לייבס געטרייסטע שויץ:
דער פוקס, דער וואָלף און בערן אכט,
דער כאזער און דער שפיץ...



קיטשע, קיטשע, קעצעלע

קיטש, קיטשע, קעצעלע,
ווילסטו מילך א טעצעלע?
סמעטענע א שיסעלע?
ווארט נאָך צו א ביסעלע.

באלד וועט קומען מאמע קאַץ,
וועט זי ברענגען אַף א טאַץ:
ברויט מיט פוטער און א מעסער,
פרישע מילך אין די פלעשער.

וועסטו נאשן, וועסטו עסן.
אָבער, זאָלסט זיך ניט פארגעסן —
פריער וואשן שיין און ריין,
נאָכן עסן — שלאָפן גיין.

שלאָפן איז א פארגעניגן.
ס'וועט די מאמע קאַץ דיך וויגן.
און דער פאָטער,
שווארצער קאָטער,
וועט בא דיר צוקאָפנס שטיין
און א לידל זינגען פיין:

„אי-לו-לו-לו, קעצעלע!
מילך איז אין טעצעלע,
סמעטענע אין שיסעלע,
שלאָפזשע אין א ביסעלע".

.1

איז א טייכל, גלייך און שמאָל,
זיך געפלאָסן אין א טאָל.
טאָג און נאכט זיך נאָר געפלאָסן
און דעם גאנצן טאָל פארגאָסן.

און די פעלדער אָנגעטרונקען.
האָבן פעלדער זיך צעזונגען,
זיינען פעלדער אויפגעגאנגען,
פול מיט קערנדיקע זאנגען.

מיט צעבליטן ווייץ און קאָרן.
זיינען זאנגען רייף געוואָרן.
האָבן סערפעס זיך צעקלונגען,
האָבן שניטער זיך צעזונגען.

האָט מען סנאָפּעס אָפּן פעלד,
אין די שאָקן אויפגעשטעלט,
אויסגעטריקנט אָף דער זון
און דערנאָך אַזוי געטון:

אָפּגעפּירט זיי אינעם שייער.
אין די ווינטער־טעג, די פרייע —
אויסגעדרעשט און אויסגעווייעט.
האָט מען גרויסע זעק גענייט,

אָנגעשאָטן פולע זעק
און מיט זיי אין מיל אוועק,
מעל צו מאָלן מיטן ווינט,
פארן גאנצן הויזגעזינד.

.2

נאָר די מיל געווען איז ווייט,
ערגעץ, העט, אָף יענער זייט.
און אין מיל דער מילנער יונג,
האָט געפּאַלגט דעם פּאַרעצס ווונק,

האָט געטון לויט זיין באַפעל
און אָף דריי געטיילט דאָס מעל:
העלפט פאר זיך, פארן מאָלן,
העלפט פאר רענט דעם פּאָרעץ צאָלן.

און דעם פּויער וואָס? — די קלייען.
ריכטיק איינגעטיילט אין דרייען...

.3

האָבן פּויערים זיך פארקלערט,
קלערנדיק — געגלעט די בערד.
האָבן שטערנס זיך געקנייטשט,
און א פויער מיט א בייטש,

ניט אזויפיל אלט, ווי גרוי,
האָט א זאָג געטון אזוי:
„לאָזט די ווינטמיל מיטן ווינט
און דעם פּאָרעץ מיט די חינט!"...

„אונדזער טייכל שטראָמט און קוועלט
און באפרוכפּערט אונדזער פעלד,
זאָל עס אויך פאר אונדז אליין,
אונדזער אייגן מיל-ראָד דרייען".

האָבן פּויערים צוגעהערט,
צוגעשאָקלט מיט די בערד
און צוריק אהיים געפאָרן,
מיט די פולע זעק מיט קאָרן.

אָפּגעלאָדן אלע זעק,
האָט מען אויסגעשארפט די העק,
איסגעפּיילט אין זעג די ציין
און אוועק אין וואלד אריין.

האָט מעןביימער אויסגעהאקט,
אָפּגעפירט זיי מיטן טראקט,
אָפּגעלייגט זיי אפן ברעג.
האָבן זיך צעבליצט די העק.

האָבן העקער זיך צעזונגען,
האָבן עכאָס אָפּגעקלונגען
און א מיל האָט זיך צערוישט,
אפן טייכלס קלאָרן שוים.

יעדנס מיל און אלע מאָלן,
קיינער דארף ניט קיינעם צאָלן.
שטראָמט דאָס טייכל, דרייט דאָס ראָד
און די מיל, זי מאָלט און מאָלט.

.4

פאָרט אין מיל א פערד און וואָגן
דארף מען אויך א ראָד באשלאָגן
און א פּאָדקאָווע צום פערד. —
האָט מען ווידער זיך פארקלערט,

ווידער אויסגעשארפט די העק
און אין וואלד אריין אוועק.
האָט מען ביימער אויסגעהאקט,
אָפּגעפירט זיי מיטן טראקט,

אָפּגעלייגט זיי נעבן מיל.
האָט די ארבעט זיך צעשפּילט,
האָבן זיך צעזונגען הענט,
האָבן ווידער העק געבלענדט.

און אין זעלבן אפדערנאכט,
האָבן פונקען אפן דאך,
אָנגעזאָגט דעם טאָל מיט פרייד,
אז א קוזשניע שטייט שוין גרייט!

שטייט א קוזשניע נעבן מיל,
שמידט מען דאָרטן, וואָס מען וויל.
הער אן אקער-אייזן שמידט,
ווער צום ראָד א נייע נים.

שמידט מען דאָרט א גאנצע וואָך.
בלאָזט דער בלאָז-זאק, פּאָך און פּאָך!
קלאפּט דער האמער און ער קלינגט
און דאָס טייכל שטראָמט און זינגט!

.5

האָט שוין ברויט צו עסן יעדער
און צום וואָגן גאנצע רעדער,
דארף מען אויך שוין גאנצע שיך.
דארף מען שענער אָנטון זיך.

האָט זיך דאָרט באַזעצט אַ שניידער,
גייט ער פאָרן דאָרף די קליידער.
מיט אַ נעדעלע פון שטאָל.
און אַ שוסטער מיט אַן אָל.

און אַ סטאָליער מיט אַ זעג, —
איז אַ לעבן אָפּן ברעג!
איז אַ דאָרף שוין אויפגעבויט! —
וואו דאָס ברויט איז — יעדנס ברויט.

ווו דאָס קלייד איז — יעדנס קלייד
און פאַר אַלעמען — די פרייד!

— — — — — — — — — —

און דאָס טײַכל, גלייך און שמאָל,
שטראָמט און זינגט נאָך מער אין טאָל.

1.

ס׳איז אַ ווייסע ווינטער-נאַכט,
טיר און פֿענצטער צוגעמאַכט,
וואַרעם אויסגעהייצט די הרובע,
בײַ דעם אויוון זיצט די באָבע.

שלאָפֿן איז נאָך פֿרי צו גיין,
זיץ איך און איך הער מיך איין,
ווי די באָבע רעדט, דערציילט,
ציט די ווערטער ניט געאײַלט:

2.

ס׳איז געווען א שטעטעלע,
א פּיצעלע, א שרעטעלע.
געסעלעך קרומע,
הײַזעלעך לאָמע.

פּיצעלעך פֿענצטער, דעכלעך פֿון שטרוי.
עס לעבן אין פֿרידן דער איד און דער גױ;
ווער פֿון מעלאָכע, ווער פֿון א קרעמל
און צווישן זיי אַלע — דער קלעזמער וורעמל.

א קלעזמער, ווי אלע, א פּאַשעטער אידל.
אָבער א פידל, שוין איינמאָל א פידל
איז בא אורעמל, דעם קלעזמער, געווען!
ווער ס'האָט אוורעמלען שפּילן געזען,

פלעג זיך גאָר זאַט אָנקוקן ניט קענען:
ס'פלעגן די אויגן בא אים זיך צעברענען,
ס'פלעגן די סטרונעס באַם הארצן אזש גלעטן.
מען פלעג אים אָף פּריצישע באַסענעס בעטן...

דאָס שטעטעלע אָבער איז ניט צופרידן.
ס'מורמלען אין שטעטל עלטערע אידן:
„ניט אנדערש, א קישעף שטעקט אינדרינען".
און פלעג מען זיין שטיבל פארבייגיין באגינען,

פלעג מען די אייגענע אויערן ניט גלויבן:
מען הערט אינעם פידל דאָס וואָרקען פון טויבן,
דאָס זיסע געזאנג פון פייגל באגינען —
„ניט אנדערש, א קישעף שטעקט אינדרינען".

.3

דאָ ווערט א ווײלע אנטשוויגן די באָבע,
ווארפט צו א שייטעלע האָלץ אין דער הרובע,
ווישט מיטן ברעג פון ארבל די בריל
און ווידער דערציילט זי פּאַמעלעכל, שטיל:

.4

און איינמאָל, געווען איז א זומער, א הייסער;
געגאנגען זיך שלאָגן איז דעמאָלט דער קייסער.
צי מיטן טערק? צי מיט קיטוי? —
נאָר ווען מען שלאָגט, אז אָך און אז ווי...

שלאָגט זיך דער קייסער — א דייגע מיט וועמען —
הויבט מען אין שטעטל אָן זעלנער צו נעמען.

נעמט מען אורעמלען אוועק אַף מילכאָמע.
ס'בלייבן אין שטעטל נאָר אלטע און לאָמע.

זיפצט מען אין שטעטל, מען וויינט און מען קלאָגט —
אורעמל האָט אָבער א פידל פארמאָגט,
נעמט ער דעם פידל אין זעקל אריין,
צעלאכט זיך דאָס שטעטל אינמיטן געזוויין:

„וואָס וועט אורעמל טון מיטן פידל? —
שפילן אַף טערקיש די טערקן א לידל” —
לאכט מען אין שטעטל, אז ווי צו דעם לאכן,
ס'ליגן אין קאָפּ נאָך אזעלכע זאכן...

.5

אוועק איז אורעממל — פארפאלן געוואָרן.
קיין באן ניט געוועזן אַמאָלסטיקע יאָרן,
פלעגן די זעלנער נאָך גיין צופוס,
באלאָדן, באהאנגען מיט ביקס און מיט שפּיז.

ס'צאנקט שוין דער זומער, דער טאָג איז נאָך הייס,
דער אוונט פארציט שוין א פרעסטל, א ווייס.
גייט מען באטאָג, די זון איז צעגליט,
פילט מען עס בריט דאָס זאמד אין די טריט.

באנאכט אינעם הוילן שינעל אפן פעלד,
פילט מען די ביינער קנאקן פאר קעלט —
אזוי האָבן שפּעטער די זעלנער דערציילט.
ס'האָבן די עלצטע זיי אונטערגעאיילט.

דער שמיץ פונעם עלצטנס נאגייקע איז שארף...
איז מען געקומען, ווו מען באדארף;
גאָענט פון טערק, צי פון קיטיי,
די ביקסן שוין גרייט, געלאָדן מיט בליי,

פערד אָנגעזאָטלט שטייען שוין גרייט,
ס'ציט שוין דער עלצטער די שווערד פון דער שייד.
ווארט מען נאָך בלויז אפן לעצטן באפעל.
שוידערט דאָס לייב אין גרויען שינעל.

געזעגנט אין הארצן יעדער זיין היים.
זיין ווייב און זיין קינד, דאָס שטיבל פון ליים.
די אייגענע היים איז ליב יעדן איינעם.
אורעמל דער קלעזמער האָט אָבער קיינעם.

ער האָט ניט קיין קינד, ער האָט ניט קיין ווייב,
ער האָט נאָר א זעלנעריש העמד אפן לייב,
א פידל, א סמיטשיק און גאָרניט ניט מיין —
פילט ער אין הארץ דריקט, ווי א שטיין.

עס נאָגט אים אין הארצן, ער האלט עס ניט אויס.
נעמט ער דעם פידל פון זעקל ארויס,
א ציִ מיטן סמיטשיק, אהער און אהין,
צעוויינט זיך דער פידל, דין, אזוי דין. —

ניט ווי קיין פידל, נאָר קינדער-געוויין.
אזוי קענען וויינען נאָר קינדער אליין.
לאָזט דאָס געוויין אלץ ווייטער זיך הערן —
הויבט אָן דער הימל אויך גיסן מיט טרערן.

פילט זיך מיט טרערן דער שוצגראָבן אָן,
פאלט פון דער האנט באם זעלנער די פאָן.
שמעלצן אין ביקס זיך די בלייענע קוילן.
יאָמערט דער ווינט אין סטעפּ, אינעם הוילן.

.6

ליגן די זעלנער און הערן זיך איין:
ווי קומט דאָ, אהער א קינדער-געוויין?
א יאָמער געוויין, ווי פון אייגענעם קינד?
ברענגט פון דער היים א גרוס זיי דער ווינט?..

און ווי נאָר זיי האָבן דערהערט דאָס געוויין,
צעברעכט יעדער זעלנער זיין שפּיז אָן א שטיין.
לאָזט ער דעם פולווער אוועק מיטן ווינט
און לאָזט זיך אהיים צו ווייב און צו קינד.

.7

און זעלנער מיט זעלנער, סוינע מיט פריינט,
האָבן געקושט זיך, געלאכט און געוויינט.
פארוויבערט צוזאמען, זיך לוסטיק געפילט
און אווּרעמל דער קלעזמער האָט א פריילעכס געשפּילט.



אינהאלט:

גוטמאָרגן	5
זונען־פארגאנג	7
טאַנצט א רעגן	8
נאָכן רעגן	9
פרילינגס־כאָלעם	10
אַ כעלעמער זון	11
פרילינגס־ווינט	12
שטורעם־ווינט	13
קעניג ווינטער	14
די זון אין יאַם	16
אויסגעוועון זיין צייט	18
די זון האָט זיך פארשלאָפן	20
מיין שטיבעלע	21
א טויער	24
א מענטש	26
זונעלע מיינס	28
מיין שוועסטערל	30
דער מאמעס זאָרגן	32
די באָבע און דער זיידע	34
פון וויטן לאנד	36
א דאָרפס-מענטש	38
פעטער ווינטער	40
היים־שניידער	42
דאָס געזינדל	44
א שפּיל אין פערדלעך	46
וואונדערלאנד	48
ציגיינער	50
א געבעט צום רעגן	52
אין שפאניע	54
די שיף	56
העי, פייערלעשער	58
זעלנערלעך פון בליי	60
ווען ניט די קאץ	62
א פריציש הינטל	63
זיבן גענדזלעך	64
אז דער לייב גייט שפאצירן	65
קיטשע, קיטשע, קעצעלע	66
אלעמענס דאָרף	68
אוורעמל דער קלעזמער	73

דערשינען פון זעלבן מעכאַבער:

קינד און קייט

(קינדער־לידער)

אַרויסגעגעבן פון דער „צווישאַ“

בוענאָס איירעס 1936.

IMPRENTA POLIGLOTA
Corrientes 3114, Bs. Aires.